# א חסידישע מלוה מלכה

## מיט הרה"ח ר' אברהם צבי אונגער שליט"א
## סיפורי צדיקים מקוריים בטוב טעם ודעת

גליון נ"ד / סיפורי צדיקים יארצייטן השבוע / פרשת וישב / כסליו תשפ"ה

## הרה"ק רבי ר' ברוכ'ל ממעזיבוז זצ"ל
## י"ח כסלו

י"ח כסלו איז דער יארצייט פון הרה"ק רבי ר' ברוכ'ל ממעזיבוז זי"ע.

### די הייליגע משפחה

ר"ר ברוכל'ס טאטע האט געהייסן ר' יחיאל, מ'האט אים גערופן 'דער דייטשל'. די מאמע האט געהייסן 'אדל' - א טאכטער פונעם בעל שם הק'.

דער בעל שם הק' האט געזאגט, אז איר שורש נשמה נעמט זיך פונעם פסוק: א'ש ד'ת ל'מו, וואס די ר"ת איז אד"ל.

זיי האבן געהאט צוויי זון, דער רבי ר' ברוכ'ל, און דעם עלטערן ברודער, הרה"ק ר' משה חיים אפרים פון סאדילקוב, וועם מ'האט גערופן דער 'דגל מחנה אפרים'.

פאר דעם דגל האט נאך דער בעל שם הק' געלייגט תפילין. פאר מ'האט אריינגעלייגט די פרשיות אין די בתים, האט דער בעל שם הק' עס אנגעפילט מיט טרערן, עס אויסגעטריקנט, און דערנאך האט מען אריינגעלייגט די פרשיות.

ר"ר ברוכ'ל איז נאך געווען אלס קליין קינד ביים בעל שם הק' (אים האט שוין דער בעל שם הק' נישט געלייגט קיין תפילין). שפעטער איז ער אויפגעוואקסן ביי הרה"ק ר' פינחס קאריצער.

### ביים בעל שם הק' אין שטוב

הרה"ק ר' איציקל סקווירער זצ"ל האט פארציילט, אז ווען ר"ר ברוכ'ל איז נאך געווען א קליין קינד האט אים דער זיידע דער בעל שם הק' געפרעגט: "וועלכע מסכת לערנסטו?" האט ער געזאגט: "מסכת בבא קמא".

האט דער בעל שם הק' געפרעגט: "פארוואס פונקט בבא קמא?" האט ער געזאגט: "ווייל 'בבא קמא' איז ר"ת ב'רוך ב'ן א'דל, ק'דוש מ'רחם א'מו!"

*

ס'שטייט אין 'כתבי קודש', אז ער פלעגט שלאפן מיטן זיידן דער בעל שם הק' אין איין שטוב. איינמאל האט ר"ר ברוכ'ל נישט געוואלט לערנען מיט זיין מלמד. איז דער מלמד געגאנגען אויסזאגן פארן זיידן דער בעל שם הק'.

האט דער בעל שם הק' געפרעגט דעם אייניקל: "פארוואס ווילסטו נישט לערנען?" האט ער געענטפערט: "איך ווייס דען נישט, אז דער זיידע לערנט יעדע נאכט מיט אחיה השילוני? איך וויל אויך לערנען מיט אים..."

פון דעמאלס און ווייטער איז דער בעל שם הק' מער נישט געשלאפן מיט אים אין איין שטוב.

### געדענקט דעם מאמר

הרה"צ ר' מאטל ע"ה, דער עלטסטער זון פונעם ראחמיסטריווקא רבי-חבד"ן זצ"ל, האט דערציילט אז ער האט געהערט פון א קארלינער חסיד ר' אלעזר בריזל, אז ווען ר"ר ברוכ'ל האט אנגעהויבן פירן רבי'סטווע, האט אים דער תולדות נאכנישט געקענט (דער תולדות איז געווען א תלמיד פונעם בעל שם הק' - הגם ער איז געווען אסאך עלטער פונעם בעל שם הק'). האט דער תולדות געוואלט דערטאפן צי ער איז ראוי צו זיין רבי, איז ער געפארן צו אים קיין מעזיבוז.

ווען מ'האט מודיע געווען פאר ר"ר ברוכ'ל אז דער תולדות קומט, האט ער געהאט א געוואלדיגע שמחה. ער איז אים קעגנגעגאנגען און געזאגט: "שוין אפאר יאר וואס איך בין משתוקק זיך צו טרעפן מיט אייך, ס'איז אבער נישט אויסגעקומען. ממילא יעצט אז איך טרעף זיך איז עס פאר מיר א געוואלדיגע שמחה".

פרעגט אים דער תולדות: "וואס עפעס האט איר אזא חשק מיר צו טרעפן?"

האט ער געענטפערט: "ווייל איך געדענק, ווען איך בין געווען א קינד פון אפאר חדשים, האט מיר דער זיידע - דער בעל שם הק', געהאלטן אין די האנט. קיינער איז נישט געווען אין שטוב, נאר איר [דער תולדות], און דער זיידע [דער בעל שם הק'] האט געזאגט דעמאלס א מאמר אין חסידות.

אינמיטן דעם מאמר איז אריינגעקומען די מוטער - אדל - און מיר אוועקגענומען פונעם זיידן דער בעל שם הק', און ארויסגענומען פון שטוב. ממילא וויל איך וויסן די צווייטע העלפט מאמר. קיינער ווייסט דאך נישט דעם מאמר נאר איר, ממילא האב איך הנאה זיך צו טרעפן יעצט".

פרעגט אים דער תולדות: "איר געדענקט נאך דעם ערשטן העלפט?" זאגט ער: "יא", און ער האט אים אנגעהויבן זאגן די גאנצע ערשטע העלפט! און דער תולדות האט אויסגעפירט די צווייטע העלפט.

גלייך איז דער תולדות אהיימגעפארן און געזאגט: "אויב ער געדענקט נאך אזא הויכע מאמר פון ווען ער איז אלט געווען אפאר חדשים, איז דאס גענוג, און איך ווייס אז ער איז ראוי פאר דעם".

### נישט פארגעסן די תורה

ס'שטייט אין כתבי ר' יאשע, אז **הרה"ק ר' משה קאברינער זצ"ל** [א תלמיד פונעם לעכאוויטשער] האט געזאגט: "צוויי צדיקים וואס זענען געווען אויף דעם עולם, האט מען נישט געזען לערנען, ווייל

זיי האבן געדענקט די גאנצע תורה פון פאר זיי זענען געבוירן געווארן. א) ר"ר ברוכ'ל, ב) און דער רוזינער".

## ער איז א ירא שמים

ס'שטייט אין 'אמרות טהורות' פון ראחמיסטריווקא רבי-חדב"ן זצ"ל, אז דער רבי ז"ל האט פארציילט בשם הרה"ק ר' איציקל סקווירער, אז אמאל איז דער **מאור עינים** געווען ביי ר"ר ברוכ'ל. האט ר"ר ברוכ'ל אים געפרעגט: "וואס זאגט איר אויף מיר?"

האט דער מאור עינים געענטפערט: "איך זאג אויף אייך אז איר זענט א ירא שמים". ר"ר ברוכ'ל האט זייער הנאה געהאט, און געזאגט: "יעצט ווייס איך זיכער אז איך בין א ירא שמים, ווייל א שטיק צייט צוריק האב איך געטראפן דעם הייליגן **בארדיטשובער רב** דער קדושת לוי, האב איך אים אויך געפרעגט 'וואס זאגט איר אויף מיר?' האט ער מיר אויך געענטפערט: 'איך זאג אויף אייך אז איר זענט א ירא שמים'. אזוי האב איך שוין צוויי כשר'ע עדים נאמנים, אז איך בין א ירא שמים".

האט ר' איציקל סקווירער אויסגעפירט, אז ר"ר ברוכ'ל האט זיך געפריידט אז מ'האט געזאגט אויף אים אז ער איז א ירא שמים. היינטיגע חסידים ווען מ'וועט זאגן אויף זייער רבי אז ער איז א ירא שמים, וועט עס זיין א בושה, ביי זיי איז עס א קליינער טיטל...

*

ס'שטייט אין כתבי קודש, אז אמאל נאך בדיקת חמץ האט ר"ר ברוכ'ל געקוקט אויף זיינע פינגער און זיך אנגערופן: "כשר'ע אברים מיינע, זייטס נישט באזארגט, איך וועל אייך נישט איבערלאזן, איך וועל אייך מיטנעמען מיט מיר" [ער האט געהאט אויסגעארבעטע אברים].

## גערעטעוועט ווערן פון א משהו חמץ

נאך שטייט אין כתבי קודש, אז ר"ר ברוכ'ל פלעגט פאר פסח גיין אויפן ציון פונעם זיידן דער בעל שם הק', און געבעטן רחמים פאר אים, זיין בני בית והנלוים אליו, אז דער אויבערשטער זאל זיי אלע מציל זיין פון א משהו חמץ.

איינמאל שוין נאך וואס ער איז אוועקגעגאנגען פון ציון, האט ער זיך דערמאנט אז ער האט פארגעסן צו דערמאנען איינער פון זיינע מענטשן וואס איז געווען א וואסער-טרעגער. איז ער צוריקגעגאנגען צום ציון פון בעל שם הק' און געזאגט: "דעם וואסער-טרעגער זאל דער אויבערשטער אויך מציל זיין פון א משהו חמץ!"

*

ס'שטייט אין בוצינא דנהורא, אז ר"ר ברוכ'ל פלעגט וואונטשן: "גאט זאל געבן א כשר'ע פורים און א פרייליכן פסח!"

## הממליך מלאכים

דער **קאזניצער מגיד** ברענגט אין עבודת ישראל אויף שבועות, אז דער בעל שם הק' האט געהאט א כח צו טוישן מלאכים אויבן אין הימל. ער האט געזאגט, אז ר"ח ניסן איז דאך ר"ה למלכים, דאס מיינט אז אין הימל טוט מען ממנה זיין יעדן מלאך אויף זיין תפקיד, אויב ער האט געזען א מלאך וואס ס'איז אים נישט געפאלן, האט ער אים געטוישט אויף א צווייטן מלאך.

און אין בוצינא דנהורא שטייט, אז ר"ר ברוכ'ל האט געזאגט: "דער זיידע דער בעל שם הק', אז ער האט געוואלט מעביר זיין א שר אדער א קעניג פון די אומות העולם, האט ער זיך נישט באנוצט מיט קיין שום תפילה, נאר וואס דען, ער איז אריין אין שטאל פון די פערד, און זיי ארומגערוקט, און דורכדעם גערוקט די שרים אויבן אין הימל".

האט ר"ר ברוכ'ל אויסגעפירט: "מיר קענען דאס נישט, און מיר באנוצן זיך אויך נישט מיט קיין תפילה, נאר מיר דערציילן א מעשה" [מיט דעם פלעגט ער פועל'ן צו טוישן דעם שר אין הימל].

## תורה פונעם ר"ר ברוכ'ל

איך האב געהערט פון ר' משה כהן ע"ה, אז ר"ר ברוכ'ל האט אמאל געזאגט תורה, און ער האט געהאט עפעס א משהו א דקה מן הדקה פון א פניה (אונז האבן נישט קיין השגה וואס דאס מיינט א פניה פונעם ר"ר ברוכ'ל). **הרה"ק ר' חיים קראסנער זצ"ל** (א תלמיד פונעם בעל שם) האט דאס מרגיש געווען, איז ער געגאנגען צו ר"ר ברוכ'ל.

ר"ר ברוכ'ל איז געשטאנען ביים פענסטער און אים געזען, האט ר"ר ברוכ'ל אים געזאגט: "איך ווייס פארוואס איר זענט געקומען צו מיר, אלס איז שוין בסדר" [דאס הייסט אז ער האט שוין אלעס מתקן געווען].

האט ר' חיים קראסנער געזאגט צו ר"ר ברוכ'ל: "איר האט ארויסגעריסן די תורה פון גארגל פונעם בעל דבר..." [דאס הייסט דורך די תיקון וואס ער האט געטון].

## זוכה זיין צו עסן

מיין ברודער ר' משה ע"ה האט געהערט פון ר' ישראל ראזנצוויג, אז ר"ר ברוכ'ל איז געווען א גרויסער בעל בכי [ער פלעגט אסאך וויינען]. אמאל האט דער גבאי פארשפעטיגט אריינצוברענגען דאס עסן, און ווען ער איז אנגעקומען האט ער געטראפן ר"ר ברוכ'ל וויינען. פרעגט אים דער גבאי: "אז מ'פארשפעטיגט אביסל דאס עסן דארף מען שוין וויינען?"

האט ר"ר ברוכ'ל געענטפערט: "אז מ'האט פארשפעטיגט איז א סימן אז איך בין נאכנישט ווערד צו עסן... אויף דעם ווין איך פארוואס איך בין נישט ווערד געווען".

## צדיקים זענען געפארן צו אים

איך האב געהערט פונעם **רבי'ן זאל זיין געזונט**, אז אסאך צדיקים פלעגן פארן צו ר"ר ברוכ'ל. האט דער רבי געזאגט דעמאלס: אז די וועלט זאגט אז דער קאזניצער מגיד און דער לובלינער זענען געזעסן די זעכצנטע ביים טיש...

*

בזיווג שני איז ער געווען אן איידעם פון **הרה"ק ר' אהרן טיטוב'ער זצ"ל**.

האט דער רבי פארציילט, אז אסאך צדיקים זענען געקומען אויף יענעם ערשטן שבת. אמאליגע צדיקים זענען געגאנגען מיט ווייסע דזשיביצעס [בעקיטשעס]. האט ער געפרעגט פון זיין רביצין: "דו האסט געזען די אלע ווייסע דזשיביצעס?"

האט די רביצין געענטפערט: "ביים טאטן ר' אהרן טיטוב'ער האב איך געזען מער מלאכים ווי דא ווייסע דזשיביצעס".

דער רבי ז"ל האט זיך אויסגעדריקט אויף דעם אמאל: "זי איז פארט געווען א אידענע... זי האט נישט געוואוסט אז צדיקים זענען העכער פון מלאכים!"

## א שארפע הנהגה

כידוע האט ער געהאט א שארפע הנהגה, ער איז געווען זייער א שטארקער קפדן.

האב איך געהערט פונעם רבי'ן זאל זיין געזונט, אז אמאל איז געקומען צו אים **הרה"ק ר' אשר סטאלינער זצ"ל**. און ר"ר ברוכ'ל האט אים שטארק אריינגעזאגט. נאכדעם איז ר' אשר געפארן צו אן אנדערע רבי (דער רבי האט נישט געזאגט צו וועם), האט אים יענער יא שטארק מכבד געווען.

האט ר' אשר שפעטער געזאגט: "כיבודים האב איך גענוג אינדערהיים..." און ער איז צוריקגעפארן צום ר"ר ברוכ'ל!

## 'מלאכים ממש'

ס'שטייט אינעם ספר 'בוצינא דנהורא', אז ס'איז געווען א איד אין מעזיבוז וואס האט געהייסן ר' אהרן (קען זיין אז ער איז געווען א תלמיד פונעם בעל שם הק'). דער ר' אהרן האט נאך געהאלטן דעם ר"ר ברוכ'ל אלס קינד, ביים זיידן דער בעל שם הק'.

ווען ר"ר ברוכ'ל איז געווארן רבי, האט ער קודם געוואוינט אין טולטשין, איז דער ר' אהרן געפארן אויף א שבת צו ר"ר ברוכ'ל.

ער האט זיך געפילט אזוי היימיש, ער האט דאך נאך געהאלטן דעם ר"ר ברוכ'ל אלס קינד ביים זיידן, איז ווען ער איז אנגעקומען מיט זיין וועגעלע פארנט פונעם הויף פון דעם ר"ר ברוכ'ל, האט ער גענומען זיין רענצל און אריינגעגאנגען צום ר"ר ברוכ'ל אין שטוב (אויף א היימישע אופן).

ר"ר ברוכ'ל איז געווען א גרויסער קפדן, האט ער זיך אנגערופן: "יעצט האט איר מיר פארענטפערט א שטארקע קשיא וואס באדערט מיר. ס'שטייט 'וישלח יעקב מלאכים אל עשו אחיו' - יעקב האט געשיקט מלאכים צו עשו. זאגט רש"י 'מלאכים ממש'. האט דען יעקב נישט געהאט גענוג מענטשן צו שיקן צו עשו, אז ער האט געדארפט שיקן מלאכים?

יעצט האט איר מיר פארענטפערט, ווייל ס'שטייט אז די מלאכים וואס זענען געווען ביי אברהם אבינו, האבן מער נישט געקענט ארויפגיין אויבן אין הימל, וויבאלד זיי האבן געגעסן זענען זיי געווארן מגושם, ממילא זענען זיי געבליבן ביי יעקב. און אויף די מלאכים שטייט דאך אין פסוק 'שלשה **אנשים** נצבים עליו', און ווען זיי זענען אנגעקומען צו יעקב האבן זיי אויסגעזען ווי מלאכים.

האט יעקב אבינו געזאגט: "ביים זיידן זענט עטס געווען סתם מענטשן, ביי מיר ווילן ענק זיין מלאכים? גייטס ענק צו עשו..."

## געהאט צוויי בענקלעך - בענקעניש

די מעשה שטייט אין עטליכע פלעצער. אמאל איז געקומען צום ר"ר ברוכ'ל עפעס א בנן של קדושים, א שטיקל רבי. אינמיטן דעם שמועס האט זיך ר"ר ברוכ'ל אנגערופן צום גבאי'ן: "דארט און דארט זענען דא צוויי בענקלעך, ברענגטס אהער איין בענקל". מ'האט זיך געוואונדערט, פארוואס איז ער אזוי מאריך אין די ווערטער?

האט זיך ר"ר ברוכ'ל אנגערופן: "ס'זענען דא צוויי בענקלעך - בענקענישן, איין בענקעניש איז די אידן וואס זענען משתוקק און בענקען זיך צום אויבערשטן, די צווייטע איז וואס דער אויבערשטער בענקט צו די אידן. און ביי דעם איד איז דא נאר א בענקעניש פונעם אויבערשטן צו אים, אבער פון אים צום אויבערשטן זע איך נישט... וועגן דעם האב איך געהייסן אריינברענגען נאך א בענקל אז ס'זאל זיין נאך א בענקעניש".

## חסדי ה' כי לא תמנו - בשלימות

ר' משה כהן האט דערציילט, אמאל זענען געזעסן אסאך צדיקים ביי ר"ר ברוכ'ל, און דער אפטער רב איז געווען דער יונגסטער צווישן זיי, און ר"ר ברוכ'ל האט שארף אריינגעזאגט. נאכדעם האט זיך ר"ר ברוכ'ל אנגערופן צום אפטא רב: "און איר 'אפטער רעיב'ל' [רב], איר מיינט איר זענט שוין אנגעקומען אינגאנצן צו שלימות?"

האט דער אפטא רב געענטפערט: "**חסדי ה' כי לא תמנו**, ס'איז א חסד פונעם אויבערשטן אז מ'איז נאכנישט צוגעקומען צום שלימות ('תמנו' איז א לשון פון 'תם' - גאנץ). ווייל **האם תמנו** - טאמער מ'וואלט שוין צוגעקומען צום שלימות, **לגוע**, וואלט מען שוין געדארפט נפטר ווערן, ווייל מ'האט שוין נישט וואס צו טון אויף דער וועלט!"

## העכערע כוונות מיט די קפדנות

ס'שטייט אין 'דברי דוד' פון דער **ערשטער טשארטקובער**, אז ר"ר ברוכ'ל איז געווען זייער שארף, און דער גבאי וואס פלעגט אנגרייטן די ליכט האט אמאל געברענגט קליינע ליכט, האט אים ר"ר ברוכ'ל אנגעשריגן און געשאלטן, און אויך געשאלטן דעם טאטן פונעם שמש.

אן אנדערע מאל האט דער גבאי געברענגט גרויסע ליכט, האט ער ווייטער געשאלטן אז ער שוינט נישט זיין געלט.

האט דער גבאי געפרעגט פון ר"ר ברוכ'ל: "וועלכע ליכט זאל איך צינדן אז דער רבי זאל מער נישט שעלטן?"

האט ר"ר ברוכ'ל געענטפערט: "סיי גרויסע און סיי קליינע, וועלכע ליכט מ'וועט נאר צינדן וועל איך שעלטן..." האט מען פארשטאנען אז ס'איז נישט סתם קיין קללות.

## זיין תיקון חצות

אויך שטייט אין דברי דוד, אז דער טשארטקובער האט פארציילט, אז דער זון פון הרה"ק ר' שלמה קארלינער זצ"ל האט געהייסן **הרה"ק ר' משה פון לודמיר זצ"ל**. דער ר' משה איז אמאל געקומען צו ר"ר ברוכ'ל מיט זיין זון. האט ער געזען ווי ר"ר ברוכ'ל קריגט זיך מיט זיין רביצין (זי האט געהייסן 'סימא חושא'), און ער האט זיך גארנישט אומגעקוקט אויף די געסט.

דעם ר' משה'ס זון האט זייער פארדראסן אז ער האט זיך נישט וויסנדיג געמאכט פון זיי. האט אים דער פאטער געזאגט: "זאלסט וויסן, אז דער וויכוח פון ר"ר ברוך מיט זיין רביצין, איז דער וויכוח פון קודשא בריך הוא ושכינתיה! דאס איז זיין תיקון חצות!"

## זיין כעס

אויך האט דער טשארטקובער פארציילט, אז ס'איז געווען א איד וואס האט געהייסן ר' לייב לעטישיבער, וואס איז געווען א בן בית ביים ר"ר ברוכ'ל. ר"ר ברוכ'ל פלעגט אסאך מאל שעלטן קללות נמרצות. איינמאל איז ר"ר ברוכ'ל אזוי בכעס געווען אז דער ר' לייב איז אנטלאפן פון ר"ר ברוכ'ל'ס שטוב צו דער גאס.

בשעת וואס ער איז געווען אינדרויסן פון שטוב איז אנגעקומען אן ארעמאן, און געפרעגט דעם ר' לייב צי ר"ר ברוכ'ל איז אין שטוב און צי מ'קען אריינקומען צו אים.

האט ר' לייב געפרעגט דעם איד פון וואו ער קומט? האט ער געזאגט: "פון ארץ ישראל". ר' לייב האט געוואוסט אז ר"ר ברוכ'ל פלעגט ברוגז זיין טאמער מ'איז ארויסגעפארן פון א"י, האט ער אים געזאגט: "איך געב דיר אן עצה זאלסט נישט אריינגיין יעצט צום ר"ר ברוכ'ל, יעצט איז עידן ריתחא, ער איז יעצט זייער אנגעצויגן". דער ארעמאן האט אים נישט אויסגעהערט און איז יא אריין.

אפאר שעה שפעטער האט ר"ר ברוכ'ל געפרעגט פון ר' לייב: "איר האט געזען דעם איד פון א"י?"

זאגט ער: "יא, איך האב אים געהייסן ער זאל נישט אריינקומען צום רבי'ן..." האט זיך ר"ר ברוכ'ל אנגערופן: "דער ארעמאן איז געווען אליהו הנביא".

האט דער טשארטקובער אויף דעם אויסגעפירט: "דא זעט מען די סוד פון די כעס פון ר"ר ברוכ'ל, אז בשעת ער איז געווען אין כעס האט ער געהאט גילוי אליהו!"

## מוותר געווען אויף עולם הבא צו ראטעווען א איד

ס'שטייט אין ספר 'סיפורים ומאמרים יקרים' פון ר' ישעי' וואלף צוקערניק (ער דערציילט דארט אסאך מעשיות וואס ער האט אליין געהערט פון ר' איציק'ל סקווירער), אז אמאל איז ר"ר ברוכ'ל געזעסן ביי א סעודה, און זיינע צוויי מחותנים זענען געזעסן אויף ביידע זייטן, פון איין זייט איז געזעסן זיין מחותן הרה"ק ר' אברהם דוב מחאמעלניק - אן איידעם פונעם 'תולדות'. פונעם צווייטן זייט איז געזעסן זיין אנדערער מחותן, הרה"ק ר' יוסף יאמפאלער, א זון פון הרה"ק ר' מיכל זלאטשובער.

אינמיטן איז אנגעקומען א גרויסער עושר, ווען ר"ר ברוכ'ל האט אים געזען האט ער אנגעהויבן אים אנשרייען, ער האט אים ממש אנגעזידלט, און געהייסן זיינע מענטשן זאלן אים ארויסשטופן פון שטוב. כך הוה, מ'האט אים ארויסגעשטופט פון שטוב.

אינדרויסן איז געווען א בלאטע, האט מען אריינגעשטופט דעם עושר אין די בלאטע. האט זיך אנגערופן ר' אברהם דוב מחאמעלניק: "וואס טוט איר מיט די גמרא 'המלבין פני חבירו ברבים...'?"

האט זיך ר"ר ברוכ'ל אנגערופן: "וואס זאגט דער למדן? המלבין פני חבירו ברבים? פארוואס ענדיגט איר נישט די גאנצע שטיקל גמרא? די אויספיר איז 'אין לו חלק לעולם הבא?' ווען איך זע - דער אויבערשטער זאל אפהיטן - דינים אויף איינעם, איז מיט דעם וואס איך בין אים מבזה בין איך מבטל די דינים. זאל איך נישט מפקר זיין מיין עולם הבא פאר א איד'ס וועגן?"

האט ער זיך אנגערופן: "איך האב נישט געוואוסט פון דעם".

האט זיך דער צווייטער מחותן ר' יוסף יאמפאלער אנגערופן: "מיר איז עס אויך שווער געווען, איך האב אבער געוואוסט אז איך האב נישט וואס צו פרעגן פון מיין מחותן, מסתמא ווייסט ער וואס ער טוט!"

## דער מאור עינים מיטן ר"ר ברוכ'ל

דער ראחמיסטריווקא רבי-חדב"ן זצ"ל האט דערציילט, אז **הרה"ק ר' מרדכי שרגא זצ"ל**, דער ערשטער הוסיאטינער [דעם רוזינער'ס יונגסטער זון] האט פארציילט, אז אמאל איז דער מאור עינים געפארן צו ר"ר ברוכ'ל. אינמיטן וועג האבן זיך די פערד פלוצלינג אפגעשטעלט און נישט געוואלט ווייטער פארן. דער בעל עגלה איז אראפגעגאנגען זען צי עפעס שטערט אים די וועג וואס לאזט נישט פארן ווייטער. אבער ער האט גארנישט געזען, האט ער געזאגט פארן מאור עינים, אז ער זאל אראפגיין, אפשר וועט ער עפעס טרעפן וואס האלט אפ פון פארן.

דער מאור עינים איז אראפגעגאנגען, האט ער געזען מיט זיינע הייליגע אויגן עפעס א פארווארפענע נשמה פונעם עולם האמת. האט ער פארשטאנען אז וועגן דעם ווילן די פערד נישט פארן.

האט ער געפרעגט פון דער נשמה: "פארוואס לאזטו מיר נישט פארן?"

האט ער געענטפערט, ווייל ער איז געווען פון די מוסרים וואס האבן פאר'מסר'ט דעם מאור עינים ווען מ'האט אים איינגעזעצט אין תפיסה, און ער האט נישט קיין מנוחה אויף יענער וועלט, איז ער געקומען בעטן אז דער מאור עינים זאל אים מוחל זיין.

האט אים דער מאור עינים געענטפערט: "יא, איך בין דיר מוחל".

האט ער ווייטער געזאגט: "אבער בנוסף צו דעם האב איך גורם געווען אז איר זאלט זיצן אין תפיסה". ער האט משתדל געווען און געוואלט אז דער מאור עינים זאל זיצן חלילה אויף אייביג. האט דער מאור עינים אים אויך אויף דעם מוחל געווען.

האט ער ווייטער געזאגט: אז ער האט נישט קיין מנוחה ווייל ער האט מוציא שם רע געווען אויף דעם מאור עינים'ס אייניקל 'חוה'לע', דעם מאור עינים'ס טאכטער'ס א טאכטער, די מוטער פונעם הייליגן רוזינער.

האט דער מאור עינים געזאגט: "ניין, אויף דעם קען איך בשום אופן נישט מוחל זיין". און דער מאור עינים האט פארווארפן די נשמה אונטער די הרי חושך און ער איז ווייטער געפארן.

ווען ער איז אנגעקומען צו ר"ר ברוכ'ל האט ר"ר ברוכ'ל אים געפרעגט: "וויאזוי איז געגאנגען די וועג?" דער מאור עינים האט דערציילט דברים כהווייתן די מעשה וואס איז געווען.

ווען ר"ר ברוכ'ל האט דאס געהערט, האט ער זיך אנגערופן מיט א וואונדער: "איר הייסט דאך 'דער גוטער' (דער מאור עינים האט געהייסן זייער א גוטער, ווי געשריבן ביי די יארצייט פונעם מאור עינים אז ער איז געווען דער ערשטער פון די צדיקים וועם מ'האט גערופן 'גוטער איד', ווייל ער איז געווען זייער א גוטער), און איך הייס 'דער בייזער', היתכן אוועקווארפן א נשמה זאל נישט האבן קיין תיקון?" און ער האט גלייך געזאגט: "לאמיר זיך אנטון דעם 'טיזליק' [רעזשוואלקע], און לאמיר ביידע ארויספארן אויפזוכן די נשמה און אים מתקן זיין!"

## זכותם יגן עלינו ועל כל ישראל


**להערות והארות יפנו להמספר הרה"ח ר' אברהם צבי אונגער שליט"א 845-274-1658**

**עריכה והגהה ע"י הרב יששכר יואל אונגער הי"ו 845-596-8865**

**צו באקומען די גליון MlavaMalka@gmail.com**